

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' תצוה
תשפ"ב לפ"ק
גליון ר"ח

## פראגע

### וואס זאל א מענטש טון ווען ער ליידט פון דעפרעסיע און טרויער און ווייסט נישט די סיבה דערצו?

## ענטפער:

**איך** וויל אייך זאגן איין זאך וואס איך ווייס פון ערפארונג. אסאך מאל ליידן בחורים אין ישיבה פון א צעשטערונג אין זייער נערוון-סיסטעם צוליב **א מאנגל אין שלאף**. אין די דארמיטאריס קען מען נישט גיין שלאפן צייטליך. אפילו ער גייט אריין אין בעט, קומט א צווייטער אריין 1 אזייגער ביינאכט און לאזט אים נישט שלאפן.

איך האב אמאל געזאגט פאר א מענטש דעם פראבלעם, און ער האט גענומען זיין בחור און אים אריינגעלייגט אין א פריוואטע שטוב. ער איז געווען א גביר און ער האט געצאלט געלט פאר די ישיבה אז זיין בחור זאלן האבן אן עקסטערע שטוב, און ער זאל קענען געהעריג שלאפן.

עס איז זייער וויכטיג צו שלאפן. איך אליינס ווייס צוויי פעלער פון בחורים וואס זענען נישט געגאנגען שלאפן צייטליך און זענען אראפ פון זינען, נישט איינגעדאכט. יא, ס'האט פאסירט. זיי האבן רואינירט זייער לעבן.

די זעלבע איז מיט פרויען וואס האבן בעבים. זיי מוזן זיכער מאכן צו שלאפן. אן געהעריג שלאפן ווערט צעפאנען די נערוון-סיסטעם.

יעצט, איינמאל א מענטש איז שוין אריין אין א דעפרעסיע איז שוין נישט אזוי גרינג ארויסצוקומען. און דערפאר, "איין אונס פון פארמיידונג, איז ווערד ווי א פונט פון רפואה." דעריבער פרובירט מיט אלע כוחות נישט צו איבערקערן אייער נערוון-סיסטעם און נעמט אפ אייער שלאף יעדע נאכט.

געוויסע מענטשן זאגן, "איך בין א פרוש. איך וויל זיין א מתמיד." איך וועל אייך זאגן וואס דער חפץ חיים האט געזאגט. אמאל איז דער חפץ חיים אריינגעקומען אין די ישיבה אין ראדין ביינאכט, און ער האט געזען ווי בחורים לערנען שפעט. האט ער זיי געזאגט, "גייט שלאפן. מארגן איז אויך א טאג." מען קען לערנען מארגן אויך.

דאס איז די קלוגע וועג. דאס ראטעוועט לעבנס פון מענטשן. "לערן בייטאג און שלאף ביינאכט."

אסאך מאל קען אויך זיין אנדערע סיבות פאר דעפרעסיע, אבער די מערסט-כלליות'דיגע סיבה וואס איך ווייס פון ערפארונג, איז דאס וואס מיר האבן יעצט געשמועסט אז מען שלאפט נישט גענוג. (E-10#)

## פראגע

### וויאזוי קען א מענטש ארויסנעמען הרהורים רעים - שלעכטע מחשבות פון זיין מח?

## ענטפער:

**דער** רמב"ם שרייבט א רעצעפט, און דאס איז – לערנען תורה. ער זאגט אז נאר אין א ליידיגע מח קענען די מחשבות אריינקומען.

מיר לערנען פון דעם רמב"ם א פראקטישע מעטאד; אויב דיין מח איז ליידיג וועט דארט אריינקומען נידריגע מחשבות. במילא, אפילו א מענטש קען נישט אריינלייגן תורה, זאל ער אריינלייגן ביזנעס; טראכט פון ביזנעס. א מענטש זאל זיין אמביציעז מיט זיין ביזנעס, זיי אינטערעסירט צו מאכן געלט, איר וועט דאס הערן אסאך דא. איך בין פולשטענדיג פאר'ן מאכן געלט.

אודאי איז תורה די בעסטע געלט, אויב איר קענט לערנען תורה אין אלע אייערע פרייע צייטן, טוט עס... אבער אז נישט נעמט אן עקסטערע ארבעט. די מח מוז זיין אנגעפילט מיט **עפעס**, און מאכן געלט איז א כשר'ע וועג וויאזוי אנצופילן דעם מח.

לאכט נישט פון מענטשן וואס ווילן פארדינען געלט... מ'קען נוצן געלט פאר גוטע צוועקן אויך. אודאי אויב א מענטש איז פעאיג צו לערנען, ער לערנט מסילת ישרים, אדער שולחן ערוך, גמרא, וואונדערבארע זאכן, אודאי איז דאס די בעסטע געלט אריינצולייגן אין מח, אבער אפילו טאמער נישט, לייג עפעס אנדערש אריין.

אדער פרויען, וואס קענען נישט אייביג לערנען תורה. פרויען קענען זיך צאמקומען און רעדן וואס זיי האבן געהערט ביי א דרשה פונעם רב פונעם שול וואו זיי גייען, אדער קענען זיי לערנען אינאיינעם מסילת ישרים. אבער טאמער נישט זאלן זיי אויפטויש רעצעפטן, זאלן זיי רעדן וועגן מוסטערן פאר קליידער. ווען אידישע טעכטער קומען זיך צוזאמען, איז זייער שיין ווען זיי רעדן וועגן שיין מאכן זייערע הייזער מיט נייע פורהאנגען – נישט וואס זיי קויפן – נאר וואס זיי **נייען** אליינס.

זיי נייען פורהאנגען, זיי מאכן פאר די קינדער שיינע אנצוגן, זיי באקן שיינע קוכן און חלות, ס'איז א וואונדערבארע זאך, זיי וועלן באקומען גן עדן פאר דעם און זייערע קעפ וועלן בלייבן זויבער און ריין. ווייל אויב נישט וועלן זיי זיצן און רעדן לשון הרע אויפ'ן טעלעפאן... ניין!

ס'איז וויכטיג ארייננצוליגן גוטע זאכן אין מח. ווען דער רמב"ם זאגט מ'זאל ארייגלייגן תורה אין מח, איז עס בלויז די **בעסטע** עצה וואס מ'קען דארט ארייגלייגן, אבער מ'קען אויך ארייגלייגן האלץ-ארבעט אין מח, פעינטינג, סיי-וואס מ'קען דארט ארייגלייגן אז די מח זאל נישט זיין ליידיג.

איך האלט מער פון פארדינען געלט ווי פון פעינטינג. ווייל פעינטינג איז גארנישט. קויף ענדערש א גוטע קאמערע און דו קענסט כאפן די בעסטע בילדער. פעינטינג איז סתם א שאד די צייט, ס'איז אן אלטמאדישע איבערבלייבעניש. א גוטע קאליר-קאמערע איז בעסער ווי א גוטע מעלער.

אבער סיי-וויאזוי – שאף דיר "האביס", אז דיין מח זאל נישט זיין ליידיג. אויב די מח איז ליידיג קומט אריין אלע נידריגע מחשבות פון די הייניטגע גאס.

**פראגע**

## פארוואס טאר נישט א גוי היטן שבת? שבת איז דאך "זכר למעשה בראשית", א געדענקמאל צו בריאת העולם, פארוואס זאל עס נישט זיין פאר יעדן?

## ענטפער:

**און** דער ענטפער איז אז אסאך מאל זענען דא כיבודים, עס זענען דא דיפלאמעס און ספעציעלע סערטיפיקאטן, וואס קענען נישט געגעבן ווערן פאר יעדן. איך וועל עס מסביר זיין:

דא איז א מענטש וואס וואלט זייער געוואלט העלפן די מענטשהייט. ער וויל העלפן מענטשן וואס האבן פראבלעמען, ער וויל זיי אויסהיילן און געבן עצות, הענגט ער אויף א טאוול פארנט פון זיין הויז – אז יעדער וואס איז קראנק זאל קומען צו אים זיך היילן. איר קענט זיין זיכער אז ער וועט באקומען א באזוך פון די פאליציי. זיי וועלן זאגן "דו האסט א מעדיקל לייסענס? דו פארטיילסט רעצעפטן און דו גיבסט עצות אין א נושא וואס דו ביזט נישט קוואליפיצירט." ער וועט ארעסטירט ווערן. דו דארפסט האבן א דיפלאמע פאר אזא זאך.

יעצט, צו רעדן וועגן בריאת העולם, אז די וועלט איז באשאפן געווארן יש מאין, וואס איז דער יסוד פון שבת, קענסטו נישט זיין אבי-ווער. מ'דארף זיין א מענטש מיט א דיפלאמע. אודאי קען יעדער איינער גלייבן אין באשעפער – און יעדער זאל גלייבן – אבער עס אויסצולערנען מיט'ן ביישפיל פון היטן שבת, צו זיין א מורה דרך אין די סוגיא, דאס איז "ביני ובין בני ישראל אות היא לעולם" – בלויז צווישן מיר און די אידישע קינדער איז עס א צייכן.

דער אויבערשטער זאגט, "איר האט די באשטעטיגונג דערצו ווייל אידן זענען די לערערס פון די וועלט. איר זענט די ממלכת כהנים וגוי קדוש." כהנים מיינט לערערס. דער אויבערשטער זאגט אונז, "איך האב אייך אויסגעוועלט פאר דעם צוועק. דערפאר, איר זענט די וואס וועלן דעמאנסטרירן פאר די וועלט מיט'ן שבת דעם גרויסן יסוד פון מעשה בראשית."

די וועלט מעג רעדן דערוועגן, אודאי! אבער אז א גוי זאל זיך אנטון דעם מאנטל פון אויטאריטעט פון שבת און אריינגיין אינעם בית המקדש פון שבת?! ניין! זיי זענען נישט קוואליפיצירט אויף דעם. בלויז באשטימטע מענטשן האבן די פריווילעגיע.

מען קען פרעגן די זעלבע פראגע: פארוואס זאל נישט יעדער ערנסטער איד קענען אריינגיין אין בית המקדש און מקריב זיין קרבנות? פארוואס נאר כהנים? זאל יעדער איד וואס ווילן דינען דעם אויבערשטן אריינקומען און ברענגען קרבנות. פארוואס נישט?

אויב ער וואלט עס געטון, איז ער מחויב מיתה. "והזר הקרב יומת" – אויב איינער וואס איז נישט קיין כהן גענענט צו ברענגען קרבנות איז ער מחויב מיתה בידי שמים. בלויז באשטימטע מענטשן זענען קוואליפיצירט צו געוויסע פונקציעס.

און דערפאר, צו היטן שבת וואס איז אן אופן פון דעמאנסטרירן, ס'איז א פראפעסיאנאלע דעמאנסטראציע איבער די אמונה פון בריאת העולם יש מאין. בלויז די אידישע קינדער זענען קוואליפיצירט עס צו טון. גוים קענען לערנען און זיי קענען גלייבן און זיי קענען אויך רעדן דערוועגן, אבער היטן שבת איז באגרעניצט בלויז פאר די וועלכע זענען קוואליפיצירט.

דאס דארף נאך מער ערקלערט ווערן, אבער פאר יעצט וועלן מיר נעמען אנדערע פראגעס. (# 628)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

**פונעם העכסט-פאפולערן ספר**
**וואס איז צעבאפט געווארן און**
**באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן**

## ארויס פון דרוק!




**אידיש!**

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

**דערקוויקט אייער**
**מח און נשמה!**

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב